**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/30/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול פאנגט אן גרענט פראגראם פאר ניו יארק סטעיט העלטקעיר ארבעטערס פאר אונזער צוקונפט**

***פראגראם צו העלפן אדרעסירן די מאנגל פון פעאיגע העלט קעיר פראפעסיאנאלן און פארבעסערן ניו יארק'ס העלט קעיר לאנדשאפט***

***געניסער וועלן ערהאלטן א צוויי-יעריגע פולע-באצאלטע קאסט פון אנוועזנהייט גרענט צו גיין אין א קאלעדזש אין ניו יארק סטעיט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן די [ניו יארק סטעיט העלטקעיר ארבעטערס פאר אונזער צוקונפט גרענט פראגראם](#)די נייע גרענט פראגראם שטעלט צו א צוויי-יעריגע פולע-באצאלטע קאסט פון אנוועזנהייט צו אומגעפער 500 ניו יארק סטעיט סטודענטן וואס זוכן צו באקומען זייער אסאסיעט אדער באטשלער'ס דעגרי אלץ א רעגיסטרירטע נורס, רעספיראטארי טעראפיסט, קלינישע לאבאראטאריע טעכנאלאגיסט, ראדיאלאגישע טעכנאלאגיסט, אדער כירורגישע טעכנאלאגיסט. די גרענט שטיצט און ערמוטיגט צוקונפטיגע העלטקעיר ארבעטער וואס זענען אנטשלאסן צוצושטעלן די קריטישע העלטקעיר סערוויסעס אין אונטערגעשטיצטע געמיינדעס לענגאויס ניו יארק סטעיט.

"די העלטקעיר ארבעטערס פאר אונזער צוקונפט גרענט איז אן אינוועסטירונג אין ניו יארק'ס צוקונפט און א שטייפע שריט צו פארזיכערן אז יעדע געמיינדע האט צוטריט צו הויכע-קוואליטעט העלט קעיר," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורך צושטעלן הונדערטער סטודענטן מיט גרענטס צו באקומען א דעגרי אין וויכטיגע העלט קעיר ערטער, טוען מיר אדרעסירן איינגעשטעלטע געברויכן אין געמיינדעס וואו מען דארף עס די מערסטע בשעת'ן אויך עפענען טירן צו העכערע עדיוקעישאן פאר סטודענטן וועלכע צילן העכער."

אויסדערוועלטע געניסער וועלן ערהאלטן א גרענט פאר ביז צו צוויי יאר פון פול-טיים שטודיע ביי סיי וועלכע SUNY, CUNY, אדער ניו יארק סטעיט אקרעדיטעט קאלעדזש אין סיי וועלכע באשטעטיגטע אסאסיעט אדער באטשלער'ס דעגרי פראגראם, וועלכע נעמט אריין די פאלגנדע:

- **שכר לימוד:** די קאסט פון שכר לימוד, קען נישט זיין מער ווי די קאסט פון אן אין-סטעיט שכר לימוד ביי א SUNY קאלעדזש אדער די פאקטישע קאסט פון שכר לימוד, וועלכע איז ווייניגער.
- **קאסטן חוץ פון שכר לימוד:** אן ארט איינצושטיין און ערלויבעניש פאר ביכער, צוגעהערן, און טראנספארטאציע ביז צו די אומגעפערע קאסט ביי SUNY קאלעדזשעס.
- **טאג-טעגליכע לעבן אויסגאבן:** סטודענטן וועלכע וואוינען אויפן קאמפוס וועלן ערהאלטן אן ארט איינצושטיין ביז צו די אומגעפערע קאסט ביי SUNY קאלעדזשעס. סטודענטן וועלכע דארפן קומען און גיין וועלן באקומען א קאמיוטער ערלויבעניש.

די גרענטס װעלן געשאנקן װערן צו אומגעפער 500 סטודענטן װעלכע װעלן אויסגעװעלט װערן דורך א גורל. ארײנצװגיין אין די העלטקעיר ארבעטערס פאר אונזער צוקונפט גרענט גורל, קענען אנטיילנעמער אויספילן אן אנליין איינטריט בויגן. ערהאלטער פון די גרענט דארפן צושטימען צו ארבעטן אין אן אונטערגעשטיצטע ארט אין ניו יארק סטעיט אלץ רעגיסטרירטע נורסעס, רעספיראטארי טעראפיסטן, קלינישע לאבאראטאריע טעכנאלאגיסטן, ראדיאלאגישע טעכנאלאגיסטן, אדער כירורגישע טעכנאלאגיסטן פאר צוויי יארן נאכן גראדויאירן.

**ניו יארק סטעיט העכערע עדיוקעישאן סערוויסעס קארפאראציע פרעזידענט דר. גיולערמאו לינעירס האט געזאגט,** "די העלטקעיר ארבעטערס פאר אונזער צוקונפט גרענט פארטרעט נישט בלויז ניו יארק'ס אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו אונזער סטודענט'ס עדיוקעישאן אין קריטישע ערטער אבער אויך גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו שאפן א ווירבלדיגע העלטקעיר סיסטעם אין ניו יארק וואס איז סיי שטארק און גלייכבאר. די גרענט שטיצט אונזער סטודענט'ס עדיוקעישאנעל רייזעס דורך צושטעלן פינאנציעלע הילף און ערמוטיגן זיי צו מאכן אן אונטערשייד אין געמיינדעס וואו עס איז דא די גרעסטע מאנגל פון העלטקעיר סערוויסעס."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון געזונטהייט קאמיסיאנער דזשעימס וו. מקדאנעלד, M.D. האט געזאגט,** "די העלטקעיר ארבעטערס פאר אונזער צוקונפט גרענט גלעלעגנהייט וועט אוועקנעמען דעם פינאנציעלן שטרויכלונג פאר העכערע עדיוקעישאן און עפענען די טירן פון גלעלעגנהייט פאר מער אינדיווידועלן וואס האבן אן אייפער צו ערהאלטן א צוקונפט אין קריטישע העלטקעיר ערטער. העלטקעיר פראפעסיאנאלן זענען גאר וויכטיג צו בויען געזונטע געמיינדעס, און די גרענט פראגראם איז אן אינוועסטירונג אין א שטערקערע, געזונטערע ניו יארק."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון לעיבאר קאמיסיאנער ראבערטא רירדאן האט געזאגט,** "איך דאנק גאווערנער האקול פארן מאכן סטראטעגישע אינוועסטירונגען וואס פארשטארקט די וויכטיגע ארבעטסקראפט באדן. די גרענטס וועלן פארזיכערן אז אונזער העלט קעיר סיסטעמען וועלן ווייטער ווערן געשטיצט דורך פעאיגע, קלוגע ארבעטערס און פארזיכערן אז מיר קומען נאך די מעדיצינישע געברויכן פון אלע ניו יארקער."

**SUNY טשענסלער דזשאן ב. קינג, דזש. האט געזאגט,** "SUNY איז איבערגעגעבן צו גאווערנער האקול'ס ציל פון פארמערן ניו יארק'ס העלטקעיר ארבעטסקראפט מיט 20% נאכצוקומען די סטעיט'ס וואקסנדע געברויך. ביי SUNY, זענען גרענט פראגראמען ווי די וואס ווערן צוגעשטעלט דורך די ניו יארק סטעיט העלטקעיר ארבעטערס פאר אונזער צוקונפט א הויפט באשטאנדטייל אין די ציל צו בויען די ארבעטסקראפט וואס ניו יארק דארף צו זיין געזונט."

**CUNY טשאנסלער פעליקס וו. מאטוס ראדריגעז האט געזאגט,** "יעדעס יאר, טוען טויזנטער CUNY גראדויאירטע ווייטער גיין צו ארבעטן אין הויכע-געברויך העלטקעיר ערטער, און מער ווי זיבן אין צען CUNY גראדויאירטע פון די פראגראמען זענען מיטגלידער פון אונטערגעשאצטע גרופעס. מיר דאנקן גאווערנער האקול פארן פאראויסשטופן עדיוקעישענאל גלעלעגנהייטן וואס וועלן ערלויבן א גרעסערע פארשידנארטיגקייט פון ניו יארקער צו באקומען שטאנדהאפטיגע, צופרידנשטעלנדע קאריערעס בשעת'ן אויך העלפן נאכקומען די וואקסנדע געברויכן פון געמיינדעס לענגאויס אונזער סטעיט."

**סטעיט עדיוקעישאן קאמיסיאנער בעטי א. ראוסע האט געזאגט,** "צוטריט צו עדיוקעישאן איז די שליסל וואס מאכט אויף אומצאליגע גלעלעגנהייטן, פארעמנדיג א ליכטיגערע און מער גלייכבארע צוקונפט פאר אלע. די העלטקעיר ארבעטערס פאר אונזער צוקונפט גרענט פראגראם וועט ערמוטיגן שטערעבנדיגע העלטקעיר פראפעסיאנאלן מיט א באדייטענע עדיוקעישאן וואס וועט שאפן גלייכבארעכטיגקייט אין

העלטקעיר און שאפן א ווירקזאַמע אימפּאַקט וואס וועט אפקלינגען אין געמיינדעס מיט די גרעסטע געברויכן. דורך ארבעטן צוזאמען ביי די סטעיט און לאקאלע שטאפלען, שאפן מיר א מער צוטריטליכע און גלייכבארעכטיגטע העלטקעיר סיסטעם פאר אלע."

**CICU פרעזידענט לאולע וו. בראבהאם האט געזאגט,** "ניו יארק'ס זעלבסטשטענדיגע קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן באגריסן גאווערנער האקול'ס פירערשאפט אין שאפן דעם ניו יארק סטעיט העלטקעיר ארבעטערס פאר אונזער צוקונפט גרענט. דער פראגראם וועט העלפן פארמערן איינשרייבונג אין ווירקזאַמע ערטער, פארבעסערן גלייכבארעכטיגקייט און סטודענט ערפאלג, און די מערסטע וויכטיג, פארזיכערן אז מער פאציענטן האבן צוטריט צו הויכע-קוואליטעט העלטקעיר."

**APC פרעזידענט דאננא סטעלינג-גורנעט האט געזאגט,** "סטעיט שטיצע צו העלפן סטודענטן פארענדיגן זייערע דעגריס אין קריטישע העלטקעיר ערטער וועט העלפן פארלייכטערן די ארבעטסקראפט מאנגל, ספעציעל אין אונטערגעשטיצטע ערטער פון ניו יארק סטעיט. געברויך אין די קאריערעס האט זיך פארמערט, און סטעיט פארפליכטונג צו דעקן שכר לימוד ווי אויך אנדערע קאסטן אויסער שכר לימוד און טאג-טעגליכע לעבן אויסגאבן וועלן האבן א באדייטענדע פאזיטיווע אימפאקט. APC מיטגליד קאלעדזשעס קוקן ארויס צו ארבעטן צוזאמען מיט ניו יארק סטעיט צו העלפן פארלייכטערן די העלטקעיר ארבעטסקראפט מאנגל און בלייבן אנטשלאסן צו העלפן אונטערגעשטיצטע סטודענטן באקומען צוטריט צו העכערע עדיוקעישאן."

פאר די גרענט אפליקאציע, אלע פראגראם אנווייזונגען און אפט געפרעגטע פראגעס, באזוכט [ny.gov/healthcareworkers](ny.gov/healthcareworkers). דער דעדליין זיך איינצוגעבן איז יוני 24, 2024. אפליקאנטן דארפן יעצט וואוינען אין ניו יארק סטעיט און צושטימען צו ערהאלטן אן אסאָסיעיט אדער באטשלער'ס דעגרי אין איינע פון די באשטעטיגטע ערטער פון שטודיע.

סטודענט געניסער וועלן קענען ענדיגן זייערע פראגראמען מיט א בויגזאמע סקעדזשול, אדער פארט-טיים אדער פול-טיים. גרענטס וועלן דעקן שכר לימוד, פלאץ איינצושטיין, און אנדערע אויסגאבן ביי סיי וועלכע ניו יארק סטעיט SUNY, CUNY, אדער ניו יארק סטעיט אקרעדיטעט קאלעדזש, די זעלבע צו פיר פול-טיים סעמעסטערס און נישט איבערשטייגן די אומגעפערע קאסט פון אנוועזנהייט גלייך צו די פון א סטעיט-אנגעפירטע SUNY קאלעדזש. גרענטס וועלן ווערן פראו-רעיטעד פאר געניסער וועלכע גייען פאר ווייניגער ווי פול-טיים.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן]()